פאַר מעהר איינצלהייטן זיך צו ווענדן צום סעקרעטאַר פון די היגע פועלי ציון - צעירי ציון, אַרטור קאַרמיין, 13 באַלקאָם סטריט, פּראָווידענס.




A New England Roast to Suit New England's Taste . . . . . .

AUTOCRAT COFFEE



Thrift-T Service is DOUBLE THRIFTY Now

Men's Shirts Are Returned Finished— Ready to Wear

BLANKETS — LACE CURTAINS

PILLOWS — WASHABLE RUGS

Send them in NOW and get an early start on your spring cleaning

You Have Only a Few Pieces of Wearing Apparel and Handkerchiefs to Iron

AMERICAN HAND LAUNDRY

DExter 0407

# אַ מעשה

## מיט אַ מוסר השכל

פון שלמה לייטמאַן

איך וויל אייך דערציילן אַ מעשה אַ שענע,
אוי אַ מעשה, אַ מעשה.
איר מעגט זי אויסהערן — ס'איז אַ קורצע, אַ קליינע,
די מעשה, די מעשה.
אַ ציוניסט געוועזן אַלע זיינע יאָרן —
הערט נאָר אַ מעשה —
גע'חלומ'ט האָט ער קיין ארץ־ישראל צו פאָרען,
ס'איז אַן אַלטע מעשה.
אַ פּאָר טאָלער געמאַכט אין די גאָלדענע צייטן,
נישט קיין שלעכטע מעשה.
קיין חשק געהאַט זיי אויסצובייטן —
אַ באַקאַנטע מעשה.
נעדיינקט האָט ער צו וואַרטן אַ פּאָר יאָרן,
ס'קאָן זיך מאַכן אַ מעשה,
אַ פּאָר טאָלער וועט ער אפשר נאָך קאָנען אָפּשפּאָרן —
זייער אַ שווערע מעשה.
פּלוצים איז געקומען אַ צרה, אַ רעפּרעשאָן —
אוי אַ מיאוסע מעשה —
און די פּאָר טאָלער צוביסלעך אויפגעגעסן,
ס'איז אַ ביטערע מעשה.
איצט טוט ער זיין פאַרמעגן אָפּשאַצן —
האָט איר געהערט אַ מעשה ? —
אַ קבצן געבליבן, כאָטש גיי מיט די טאַצן
אָדער טו זיך אָן אַ מעשה.
געוועזן איז דאָס אַ חלום אַ שענער,
אוי די מעשה, די מעשה.
אַ טרייסט האָט ער דאָך: ער איז כאָטש נים איינער,
אויך די אייגענע מעשה.

# אַהיים

א ליד פון אונזער פארשטאָרבענעם ליבן חבר
שמואל שערמאַן

דו זאָלסט וויסן, ליב קינד מיינס,
אַז די וועלט איז צו אונז זייער שלעכט,
און וואָס מיר אידן זאָלן נים טאָן
וועלן מיר אייביג בלייבן אומגערעכט.
אפילו אַ גאָט האָבן מיר זיי געגעבן
און מיר קריגן באַצאָלט מיט קלעפּ.
דערפאַר האָב איך זיי פאַרלאָזן
און בין אַהער אַוועק.
דאָ וועלן מיר אַרבעטן
ביז די זון וועט פאַר אונז אויפגיין
און מיר וועלן שאַפן אַ נייע לעבן
מיט אייגענע הענט פאַר אונז אַליין.

# די מגילה פון 1933

פון שלמה לייטמאַן

א.

ויהי בימי, אין דער צייט פון אחשורש המלך
וואָס האָט געקיניגט פון הודו ביז כוש,
האָט ער אַ סעודה געמאַכט און געוועזן פריילאַך.
און משקה האָט זיך געגאָסן ביים טיש.
אין דער צייט פון פּרעז. הואָווער, ס'איז נאָר צו לאַכן,
איז משקה געווען פאַרבאָטן אפילו אַ ברכה צו מאַכן.
אַ טרוקענע קאַנטרי האָט ער געוואָלט דער אינזשענער
האָט מען אים מישלח געווען און געוויזן די טיר.

ב.

בלילה ההיא, פון דער ערשטער עלעקשאָן נאָכט
האָט רוזוועלט רוהיג נים געקאָנט שלאָפן,
גע'חלומ'ט האָט ער פון אַ דיקטאַטור מאַכט,
ווען ער וועט אין ווייסן הויז אַריינמופן.
אַזוי ווי מ'האָט אים נאָר איינגעשוואָרן
איז אויף די בענק אַ געלאַף געוואָרן.
אַ יום־טוב האָט ער באַלד געמאַכט די בענק צו באַשיצן
און מיר האָבן געמוזט מיט „סקריפּ" זיך באַנוצן.
מיט ביר וועלן מיר קאָנען באַלד זיך קוויקן
און די פּראָספּעריטי וועט אונז שוין במילא באַגליקן.

ג.

אחר הדברים האלה, נאָך אַלע זיבעצן גליקן
טוט ערשט דייטשלאַנד מיט פאַשיסיזם זיך קוויקן.
הינדענבורג האָט גרוים געמאַכט היטלער דעם כוליגאַן,
און ער האָט באַקומען די מאַכט, דער פיינטער פון ווין.
די אידן, זאָגט ער, זענען שולדיג אין אַלע צרות,
וויל ער מיט זיי שלאָגן די ערשטע כפּרות.
מיר האָבן דאָך אָבער פון אַמאָליגע צייטן
אַן אַלטע קבלה,
אַז צייטן טוען זיך בייטן
און אויך ער וועט קריגן המנ'ס מפּלה.

ד.

ומרדכי זאב זשאַבאָטינסקי פירט ביי אונז די גרענדע.
ער וויל אין ארץ־ישראל אַ פאַשיסטישע געמיינדע.
מיט די רעוויזיאָניסטן טוט ער מאַרשירן
און מיט דער הסתדרות אַ מלחמה פירן.
זיי שרייען אַז זיי טוען אונזער כבוד באַשיצן
און פאַר כלי־זין טוען זיי אַ שופר באַנוצן.

ה.

בעת ההיא, איז ביי די אַראַבער אַ גאַנצע בהלה:
אַ שטיקל ערד האָט פאַרקויפט דער עמיר אַבדולאַ.
ענגלאַנד האָט זיך באַלד אַריינגעמישט, אויף אים אָנגעשריגן,
דער מסחר איז געוואָרן צונישט. אַבדולאַ האָט חרטה געקריגן.
ער וויל מער די ציוניסטן נים פאַרקויפן קיין ערד.
האָט אָבער דער עקזעקוטיוו אַ מתנה געקריגן
אַ גאַנץ נישקשה'דיג פערד.
אויף דעם פערדל וועט זי דאַרפן פאַרוועלטס רייטן,
אויב נים, וועט מען דאָס מוזן פאַר אַן אייזל פאַרבייטן,
פאַר דעם אייזל וואָס מיר וואַרטן שוין פיל יאָרן,
וואָס אויף אים וועט משיח קומען צופאָרן.

# דער אידיש נאציאנאלער ארבעטער פערבאנד

דער אידיש נאציאנאלער ארבעטער פערבאנד, וועלכער האט איצט געפייערט זיין 20 יאריגן עקזיסטענץ, קען מיט רעכט אנווייזן, אז ער האט אויסגעהאלטן דעם עקזאמען, און האט געדינט אלס מוסטער פאר אנדערע, גרעסערע און עלטערע ארדנס.

אז דער פערבאנד איז געגרינדעט געווארן, פון א גרופע אידעאליסטן מיט א אידעאליסטישן צוועק, קען מען גלייך זען, ווען מען באקענט זיך מיט די הויפט פרינציפן, אויף וועלכן דער פארבאנד איז געגרינדעט געווארן, וועלכע דריקן זיך אויס אין פאלגנדע פונקטן אין דעם פארבאנד'ס קאנסטיטוציע:

„מיר אידישע ארבעטער, אנערקענענדיג די נויטווענדיקייט פון געגנזייטיגער הילף אין פאל פון טויט, נויט און קראנקהייט: באגרייפנדיג אויך דאס אומנארמאלע לעבן פון אידישן פאלק און די סאציאלע אומגערעכטיקייט פון דער היינטיגער געזעלשאפט: געפינען מיר פאר נויטיג צו ארגאניזירן זיך אין א קערפערשאפט וואס האט אלס איר צוועק די פאלגנדע אויפגאבן:

א) געבן לעבנס און קראנקן פארזיכערונג, באזירט אויף וויסנשאפטלאכע אויסרעכענונגען, פאר אירע מיטגלידער.

ב) שטארקן דעם נאציאנאלן און סאציאלן באוואוסטזיין פון די אידישע מאסן דורך דערציאונג און בילדונג, קעמפן געגן אסימילאציע, אנטייל נעמען אין דער ווידער אויפבויאונג פון דעם אידישן פאלק אין אלע וועלט טיילן און העלפן אויפבויען א אידיש נאציאנאלע היים אין ארץ־ישראל אויף סאציאליסטישע יסודות.

ג) אנטייל נעמען אין דער ארבעטער באוועגונג וואס זוכט צו פארבעסערן די לאגע פון ארבעטער קלאס און ברייגנען א נייע און בעסערע סאציאלע ארדענונג אויף דער וועלט.“

אין די פאראגראפן זיינען פעסטגעשטעלט געווארן די גרונד ליניען, די אידייאישע ווי אויך די פראקטישע צילן לטובת די מיטגלידער.

די צאלונגען אין פארבאנר זענען, יעדער נאך זיין עלטער. די צאלונגען פאר אינשורנס־ און קראנקן־בענעפיט ווערן קיינמאל ניט נעהעכערט.

דעם פארבאנד איז רערלויבט צו געבן זיינע מיטגלידער פאליסים, פון 100 דאלאר ביז 5 טויזנט, פאר דעם גאנצן לעבן, און פאר 15—20 יאר „פיימענט לאיף“, ווי אויך 10—15—20 יאר „ענדאומענט“, „דאבל אינדעבניטי“ פארזיכערונג אין פאל פון עקסידענט.

דער פארבאנד גיט אויך זיינע מיטגלידער 6-10-15-20 דאלאר א וואך קראנקן־בענעפיט, 24 וואכן א יאר. אויך האט דער פארבאנד א הילפס־פאנר, צו העלפן מיטגלידער, אין צייט פון נויט און עלטער.

אחוץ די בענעפיטן, האט אויך דער פארבאנד אין די מערסטע שטעט, וואו ער האט ברענטשעס, קאאפעראטיווע אינסטיטוציעס, ווי „זומער־קעמפס“ פאר קינדער און דערוואקסענע, קרעדיט יוניאנס, שפאר־ און לייי־קאסעס, וועלכע זיינען תמיד צום דינסט פון דעם פארבאנד מיטגליר און זיין פאמיליע.

דער פארבאנר פירט אן א גרויסע קולטורעלע טעטיקייט. ער איז געווען דער ערשטער צוזאמען מיט די „פועלי ציון“ צו גרינדן די ערשטע אידישע „פאלק־שול“ אין אמעריקע, וועלכע איז געווען די ערשטע אידישע שול פון דעם טיפ איבער דער גאנצער וועלט.

אײנער פון די הויפט צילן וואס רער פארבאנד האט זיך געשטעלט ביי זיין גרינדונג, איז צו געבן די אקטיווע מיטהילף אויפצובויען ארץ־ישראל אלס א אידישע נאציאנאלע היים, אויף גערעכטע סאציאלע יסורות.

דער פארבאנד איז פארבונדן מיט דעם ארבעטנדן ארץ־ישראל און גיט אים די פולסטע מיטהילף, מאראליש און פינאנציעל.

דער פארבאנר נעמט אן אקטיוון אנטייל אין אלע ארבעטער אקציאנען וועלכע ווערן אנגעפירט אין אמעריקע, ווי ארבעטער סטרייקס, סאציאלע געזעצגעבונג פאר ארבעטער: ער העלפט אין קאמף פאר ארבעטלאזיקייט פארזיכערונג: ער העלפט אין אלע ארבעטער אקטיוויטעטן, אלס א אידישע ארבעטער קערפערשאפט, וואס באטראכט זיך אלס א טייל פון דעד אידישער ארבעטער און סאציאליסטישער באוועגונג אין אמעריקע און אין דער גאנצער וועלט.

---

אויב איר זענט נאך ניט קיין מיטגליד, און אויב איר זענט איינפארשטאנען מיט די פרינציפן פון דעם פארבאנר, און אויב איר ווילט זיך באקענען גענויער מיט דער ארבעט, קענט איר זיך ווענדן צום סעקרעטאר פון דעם היגן ברענטש, וועלכער וועט אייך געבן אלע אינפארמאציעס וואס איר וועט פאדערן:

א. קארמיין, 13 בעלקאם סטריט

# די אידישע בעקער יוניאן

דער קריזיס וועלכן מיר אלע לעבן איצט דורך האט געווירקט ווי צום שטארקסטן אויף דער אידישער בעקער יוניאן. דער אידעאלער סיסטעם פון ברודערלאך זיך צו טיילן מיט דער ארבעט איז תמיד געווען דער הייליגער פרינציפ פון דער אידישער בעקער יוניאן. אבער איצט איז דא אזוי ווייניג ארבעט, אז עס איז שוין כמעט ניטא מיט וואס זיך צו טיילן. דארום מוז מען נאך מער באוואונדערן די פריינדלאכקייט און די איבערגעגעבנהייט פון איינעם צום צווייטן ווען מען טיילט זיך ממש מיט דעם ביסן פון מויל.

צום באדויערן מוז מען זאגן, אז עס איז מקוים געווארן דער פסוק: „מהרסיך ומחריביך ממעיך יצאו“, אז די וועלכע זענען געווען ערשט לעצטן יאר געטרייע יוניאן־לייט, אבי זיי זיינען געווארן „באסעס“. ווילן זיי זיך ניט רעכענען מיט דער לאגע פון דער איצטיגער צייט, און מיט זייערע האנדלונגען פארקלענערן זיי די אזוי אויך קליינע מעגלאכקייטן אז עס זאלן זיין באשעפטיגט וואס מער אידישע בעקער־יוניאן־ארבעטער.

אבער עס ווילט זיך האפן, אז די מיטגלידער פון דער יוניאן וועלן אין דער איצטיגער צייט נאך מער פארשטיין, אז נאר דורך אייניקייט קענען זיי און וועלן עקזיסטירן: נאר דורך דער יוניאן וועלן זיי זיך קענען האלטן ניט צו ווערן אינגאנצן הפקר, אז זיי זאלן דארפן איינער ביים צווייטן ארויסרייסן דאס שטיקל ברויט פון מויל.

איך בין אויך זיכער, אז אין צייט ווען זיי וועלן זיך נויטיגן אין שטיצע, מאראלע אדער פינאנציעלע, וועלן אידישע ראדיקאלן ביי אונז אין שטאט, אפגעזען פון ריכטונג, זיי געבן די פולע שטיצע.

זייט פאראייניגט, אידישע בעקער ארבעטער, ווייל נאר דורך אייניקייט וועט איר קענען אנהאלטן אייער מאכט, אז איר זאלט ניט ווערן עקספלואטירט נאך ערגער.

א ל ט ע ר ב ו י מ א ן.

# יציאת מצרים

פון יהודה קויפמאַן

כל ימי חייך —
להביא לימות המשיח.
(הגדה של פסח).

מיר האָבן געשוואוירן איביגע טריישאַפט דעם באַפרייאונגס־אידעאַל. מיר, וואָס זיינען אַלס פאָלק געבוירן געוואָרן אין קנעכטשאַפט, האָבן דערקלערט קריג דער קנעכטשאַפט, האָבן אידענטיפיצירט מענשלאַכע געשיכטע מיט דעם אומאויפהערלאַכן דראַנג נאָך פרייהייט און זעלבשטענדיקייט, האָבן מיר פּראָקלאַמירט גאָט אַלס דעם באַפרייער פון פעלקער, אַלס דעם יסוד פון פרייהייט פאַר אַלץ און אַלעמען אויף דער וועלט.

און די גאַנצע סימבאָליק פון אונזער ריטום און לעבנס־שטייגער איז געווען איין „זכר ליציאת מצרים“, און אונזער גאַנצע האַלטונג קעגנאיבער און צווישן די פעלקער איז געווען איין „זכר ליציאת מצרים“.

האָט אונזער נאָמען פאַרקלונגען אין דער וועלט אַלס דער נאָמען פון אַ פאָלק פון רעבעלן, רעוואָלטירער, אינסורגענטן געגן הערשאַפטן און אונטערדריקונגען, זייט די צייטן פון דער רוימישער אימפּעריע ביז טיף אין די סאָציאַלע רעוואָלוציעס פון אונזערע אייגענע דורות.

האָבן סאָציאַלע אָרדענונגען וואָס שטיצן זיך אויף עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג פון פעלקער און מאַסן שטענדיג געשראָקן זיך פאַר אונז און געזוכט אַלע בלבולים אויף אונז אויסצוטראַכטן, און צווישן זיי אויך דעם בלבול, אַז מיר זיינען גאָרניט אַזעלבע רעוואָלוציאָנערן, אַז בטבע זיינען מיר נאָר אַ רעגרעסיווער עלעמענט אין׳ם לעבן פון פעלקער, קאָנסערוואַטיוו ביז גאָר און געפערלאַך פאַר׳ן פּראָגרעס פון זייער לעבן, ווי דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין יענע אָרדענונגען . . .

און פונדעסטוועגן האָט מען זיך געהיט פאַר דער אומרואיקייט, וואָס מיר טראָגן אַריין אין לעבן, פאַר אונזער זיין די ערשטע אַריבערצוטרעטן געזעצן, וואָס מ׳האָט אויף אונז אַרויפגעצוואונגען, פאַר אונזער ברעכן די רורד הערשער־ און רויב־לוסט אויפגעשטעלטע מחיצות.

פונדעסטוועגן האָט מען קאַמף קעגן אַ רעוואָלוציאָנערן שטורעם וואָס האַלט אין אָנקומען שטענדיג אָנגעהויבן פון קאַמף קעגן אונז.

און אַפּטמאָל איז דער קאַמף געווען געווענדעט בעיקר געגן אונזער גוטן נאָמען, געגן דעם שם פון אונזער קולטור־לעבן, פון אונזער ליבע צו פרייהייט, צו פרידן, צו ליבע, פון אונזער הייליג האַלטן דאָס מענשלאַכע לעבן און אונזער קאַמף פאַר דער אומבאַרירקייט פון דער דאָזיגער קדושה.

און דאָס איז דער סוד פון „עלילות דם“ — דוקא אים פסח, אויף אונז אַרויפגעוואָרפענע. געהייסן האָט עס: „זעט, ווער ס׳רעדט אין נאָמען פון פרייהייט און פונ׳ם רעכט פון מענשן אויף זיין לעבן — זיי, די אידן, וואָס טייער איז זיי בלויז זייער אייגן לעבן, פאַר אַנדערע אָבער האָבן זיי שנאה וואָס פירט ביז רציחה און שפיכת דמים, — גלויבט ניט די „רעוואָלוציאָנערן“, ניט צו באַפרייען אייך קומען זיי, נאָר אייך צו פאַרניכטן . . . “

זיינען מיר נאָך קרעפטיגער געוואָרן אין אונזער מלחמה פאַר׳ן לעבן, פון אונז און פון דער וועלט, און האָבן אָנגעהאַלטן אונזער דרך פון טאָן אַלץ און איבערלעבן אַלץ אינ׳ם ליכט פון „זכר ליציאת מצרים“, און האָבן די וועלט שטענדיג וואַך געהאַלטן אינ׳ם באַוואוסטזיין, אַז די עקזיסטירנדיגע אָרדענונג איז אַ „בית עבדים“, אַ „מצרים“, און האָבן אָנגעוויזן דעם איינציגן וועג — „יציאת מצרים“.

און ניט וואַרטנדיג אויף דער וועלט האָבן מיר דערווייל אין אונזער אייגענעם לעבן פאַרווירקלאַכט אַ נייעס „יציאת מצרים“ און האָבן פאַרפלאַנצט אונזערע ערשטע פלאַנצונגען פון אַ ניי לעבן פון אמת׳ער פרייהייט, פון פאָלק, פון יחיד און רבים, אין ארץ ישראל.

# פּראָפעסאָר איינשטיינ׳ס רעדע

אויפ׳ן באַנקעט פון געווערקשאַפטן קאַמפּיין פאַר דאָס אַרבעטנדע ארץ־ישראל אין רוזוועלט האָטעל, לאָס־אַנגעלעס, קאַליפ.




מיינע הערן און דאַמען:

איר האָט היינט אַוונט געהאַט די געלעגנהייט זיך צוהערן צו צוויי מענשן, וועלכע האָבן אייך אַזוי ווירקונגספול געשילדערט די אַרבעט וועלכע ווערט געטאָן אין ארץ־ישראל. נאָר מענשן, וועמענס גאַנצע נשמות און ענערגיע איז אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט קענען אַזוי ריידן. אויב איך מאַך אַ פּרוּף צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער, אַזוי ווי איך האַלט עס פאַר מיין פליכט, איז עס נאָר כדי אייך צו דערמאָנען וועגן דער דאָזיגער גרויסער זאַך, ניט כדי אייך זאָגן עפּעס נייעס.

די אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל איז יענע גרופּע וועמענס אַרבעט איז פון גרעסטן ווערט פאַר׳ן פאָלק, ווייל זי פאַרוואַנדלט מיט דער אַרבעט פון אירע הענט מדבריות איז בליענדע ישובים. די דאָזיגע אַרבעטער זיינען דער שטאָלץ פון דער גאַנצער אידישער נאַציע צוליב זייער פרייוויליגער געוויסנהאַפטער און אומעגאָאיסטישער איבערגעבנקייט. דאָס זיינען ניט קיין סתם האַרעפּאַשניקעס וועלכע פאַרקויפן זייער אַרבעטס הענט צו דעם וואָס באַצאָלט דעם גרעסטן פּרייז, נאָר געבילדעטע, גייסטיג־וואַכע פרייע אינדיווידואומס וועמענס פרייוויליגער קאַמף מיט דעם פאַרוויסטן באָדן ברייננגט נוצן דער גאַנצער אידישער נאַציע, דירעקט און אומדירעקט.

כדי אָפּצוהיטן די דאָזיגע העכסטע ווערטן פון מענשלאַכן לעבן, איז זייער נויטיג אַזוי שטאַרק ווי נאָר מעגלאַך צו פאַרלייכטערן זייער שווערן יאָך. די קאַמפן פון די ערשטע קאָלאָניסטן אויף דעם אומבאַאַרבעטן באָדן, זיינען געווען פאַרבונדן מיט געפערלאַכע אַנשטרייננגונגען און שווערע פערזענלאַכע קרבנות. ווי אמת דאָס איז, קענען אָפּשאַצן נאָר יענע מענשן וועלכע האָבן עס געזען מיט זייערע אייגענע אויגען. ווער עס שטייערט ביי פאַר דער פאַרפאָלקאָמונג פון זייער אַרבעט, דער העלפט מיט פון אַ זייער וויכטיגן שטאַנדפּונקט.

מען דאַרף אויך געדיינקען, אַז נאָר די אַרבעטערשאַפט איז ביכולת צו שאַפן געזונטע באַציאונגען מיט דעם אַראַבישן פאָלק. דאָס איז איינע פון די וויכטיגסטע פּאָליטישע אויפגאַבן פון ציוניזם. אַדמיניסטראַציעס קומען און גייען, אָבער מענשלאַכע באַציאונגען זיינען שליסלאַך אַנטשיידעט אינ׳ם לעבן פון פעלקער. דערפאַר איז די שטיצע צו דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל אויך אַ הילף צו שאַפן אַ מענשלאַך ווירדיגע פּאָליטיק אין ארץ־ישראל. דאָס קען ווערן אַ ווירקונגספולער קאַמפּס־מיטל געגן יענע שמאָלע נאַציאָנאַליסטישע שטרעמונגען פון וועלכע די גאַנצע פּאָליטישע וועלט ליידט איצטער און צווישן זיי אויך די קליינע פּאָליטישע וועלט אין ארץ־ישראל.

אבער אָן הסתדרות און אָן חלוצים קאָן ארץ־ישראל ניט ווערן מער ווי אַ שמאָלע געסל פון אידישן האַנדל אין מזרח, און ניט קיין פרייע ארץ־ישראל. מ׳קאָן ניט ברעכן די אָרגאַניזירטע הסתדרות, אָפּ־שטעלן איינוואַנדערונג פונ׳ם אַרבעטער־פּיאָנער און איינהיטן דעם פּיאָנערישן גייסט. —

אָן אָט דעם געזונטן גוף פון הסתדרות און אָן דעם החלוץ איז ארץ־ישראל גייסטלאָז און האַרצלאָז — זאַמד און שטיינער און ספּעקולאַציע־שטויב פאַר ספּעקולאַנטן. — — —

טרייע פריינט פונ׳ם אַרבעטנדן ארץ־ישראל!

די מעשים פון דער הסתדרות צו שטיצן און דערמונטערן, אירע עליה־גייסט און ווילן צו דערמוטיגן, אירע באַנייטע אָנשטרענגונגען דאָס לעבן פון אַרבעט, ערד, וואַסער און סאָציאַלער גערעכטיקייט צו באַקרויגען מיט דערפאָלג, איר הורשט נאָך נייע מעשים צו שטילן — דאָס איז אונזער תביעה — די מאַנונג פון דער הסתדרות דורך אירע שליחים. איך אַליין און די ליגעס פונ׳ם אַרבעטנדן ארץ־ישראל אומעטום ווערן גערופן —

צו שטיצן די הסתדרות אין איר קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט, איינוואַנדערונג און אָרגאַניזאַציע.

אָפּצואוואָרפן צוזאַמען מיט דער הסתדרות דעם אַטענטאַט אויף חלוצישער עליה:

צו שטאַרקן די פינאַנציעלע, קאָלאָניזאַטאָרישע און דערציערישע ווערקציינג פון דער אַרבעטערשאַפט אין לאַנד:

מיטצוהעלפן בויען נייע קאָאָפּעראַטיוון, אַרבעטער־קוואַרטאַלן, פרויען־ווירטשאַפטן, היימען פאַר קינדער פון אַרבעטנדיגע מוטערס, שולן פאַר אַרבעטער־קינדער, ווערקשטאַטן און זידלונגען פאַר אַרבע־טער־יוגנט, צענטרען פאַר׳ן „הפועל“, צו מיטאַרבעטן מיט דער הסתדרות ביים אויפנעמען נייע טויזנטער אַרבעטער און אַרבעטאַרנס אין דער שעה, וואָס די בינעזיישע וואַנט פון „סטאָפּ־עמיגריישאָן“ איז געבראָכן.

צו שמידן, צוזאַמען מיט דער הסתדרות, דעם אייגענעם קאַפּיטאַל פאַר דער זעלבשטענדיקייט פון דעם אידישן אַרבעטער אין לאַנד: צו שטיין מיט דער הסתדרות אין דעם קאַמף געגן די, וואָס באַיקאָטירן דעם אידישן אַרבעטער און אין איר אויפמאַרש צו נייע גרויסע מעשים פאַר׳ן אַדבעטער־קלאַס און פאַר׳ן אידישן פאָלק פון אַרבעט.

זאָל פאַר אייערע אויגן שטיין די עליה־נויט פון אונזער דור און גאָר דער וועלט זאָל יעדער אויפריכטיגער סאָציאַליסט און פאָלקס ציוניסט מיטאַטעמען מיט דעם עליה דורשט פון דער יוגנט און די גרויסע עליה־מעגלאַכקייטן אין ארץ־ישראל. גייט מיט מיט דעם אַרבעטער אין אַרץ־ישראל ביים צוגרייטן נייע פּיאָ־נערן, ביים אויפנעמען זיי אויף די ברעגעס פון אַרבעטנדן היימלאַנד, ביים שווערן שאַפן און דעראַבערן פאַר זיי אַרבעט, ביים אויסשמידן צוזאַמען מיט זיי דעם גרויסן היסטאָרישן ווערק פון דער אידישער אַרבעטס־געמיינשאַפט.

עליה און אַרבעט! — איז די תביעה פון די אידישע פאָלקס מאַסן, זייער געבאָט און האָפענונג אין אַלע לענדער — — — עליה און אַרבעט און קאָלאָניזאַציע — איז דער וועג פון דעם אידישן אַרבעטער אין ארץ־ישראל פאַר זיך און אַנדערע, כאָטש דער וועג איז שווער און ליידן־רייך, כאָטש דער ציל איז הויך און קרבנות־רייך, כאָטש פאַרלויפיג קאָנען דעם וועג גיין נאָר פּיאָ־נערן־חלוצים.

די אַמעריקאַנער אידישע אַרבעטערשאַפט און דעמאָקראַטיע, וואָס טרעט מיט אירע מאַסן אַריין אין דעם צענטן יאָר פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין און אין דעם ערשטן יאָר פון אַ סיסטעמאַטיש אָרגאַניזירטער און טעטיקייטס רייכער ליגע פאַר׳ן אַרבעטנדן ארץ־ישראל, האָט שוין אַ באַדייטנדן חלק אין די „הסתדרות“־דעראָבערונגען אין ארץ־ישראל — — אבער די פאָלקס־נויט איז געוואַקסן און צוזאַמען מיט איר איז געשטיגן דער מוז שנעלער, פעסטער, טרייער צו בויען דעם בנין פון דעם אַרבעטנדן אי־דישן פאָלק אין ארץ־ישראל.

פון נויט מוזן מיר שמידן דעם אייזן פאַר׳ן בנין פון געווערק־שאַפטן־קאַמפּיין: פון דלות אַליין מוז קומען דער דורשט און כח צו באַפרייאונג — און מיר דערוואַרטן דעריבער פון דער ניי־געגרינדעטער ליגע

פריינטשאַפט אין מעשים,
געמיינזאַמקייט אין קאַמף,
שותפות אין דער היסטאָרישער אחריות,
סאָלידאַריטעט אין ליידן און דערגרייכונגען,
אחדות אין דעם קאַמף פאַר עליה, אַרבעט און שלום.

די ארץ־ישראל אַרבעטער־דעלעגאַציע:

מעי בער־מערעמינסקי
רחל כצנלסון־רובאַשאָוו
גאָלדע מאירסאָן
ישראל מערעמינסקי

# דער נאַציאָנאַל־פאָנד

## גאולה תתנו לאָרץ

ארץ־ישראל וועט קיינמאָל ניט זיין דאָס לאַנד פון דעם אידישן פאָלק, אויב דאָס לאַנד וועט ניט, לפּחות די גרעסטע טייל, באַלאַנגען צום גאַנצן אידישן פאָלק, ניט צום יחיד, ווייל דער יחיד פונקט אַזוי גוט ווי ער קויפט היינט דאָס לאַנד, קען ער דאָס שפּעטער צוריק פאַר־קויפן צו וועמען ער וויל . . . און קיינער קען אים קיין דעה ניט זאָגן. אבער דאָס לאַנד וועלכע ווערט געקויפט דורך דעם אידישן נאַציאָנאַל־פאָנד ווערט דאָס, דאָס אייגנטום פון דעם אידישן פאָלק, און קען קיינ־מאָל ניט צוריק פאַרקויפט ווערן צו פרעמדע.

די גרעסטע טייל פון דער הכנסה פון דעם נאַציאָנאַל־פאָנד איז תמיד געווען פון קלענערע זאַמלונגען. די מאַסן זענען תמיד געווען די, וועלכע האָבן זיך האַרציג אָפּגערופן צו יעדער צייט.

איצט בפרט, איז אַ פליכט צו זען אַז די אונטערנעמונגען פון דעם נאַציאָנאַל־פאָנד זאָל זיין דער דערפאָלג וועלכער ער דאַרף זיין.

א. ב.

# די בשורה פון עליה און ארבעט

(וואנדערונג פון דער ארץ־ישראל ארבעטער דעלע־
גאציע צו די אידישע מאסן אין אמעריקע)

פריינט און מיטבויער פונ׳ם ארבעטנדן ארץ־ישראל!

פון די ארבעטס לעניאנען, וואס קומען זיך צונויף פון אלע עקן
וועלט קיין ארץ־ישראל און בויען די הסתדרות העובדים,
ברענגען מיר אונזער גרוס צו דער אידישער ארבעטנדיגער, יונגטלאכער
און דעמאקראטישער אמעריקע.

פון די קרעפטיגע שטראמען פון היים־בויער, ארבעט־זוכער, יונגע
וועגן — דערפינדער און פיאנערן, וואס טראגן זיך איצט איבער די נאך
ניט אויסגעטראטענע שטעגן פון איראפע און אמעריקע צו די ברענעס
פון זייער לעבנס ציל — צו דאס ארבעטנדע ארץ־ישראל — ברענגען
מיר די ברכה צו די פריינט און מיטארבעטער, צו מיטטרוימער און
מיטקעמפער פון מעין ביז קאליפארניע — —

פונ׳ם אידישן ישוב, וואס וואקסט און צעוואקסט זיך, פונ׳ם אי־
דישן ארבעטער, וואס צעעפנט די טויערן פאר אידישע ארבעטס־
דורשטיגע און שאפונגס־הונגעריגע מאסן — קומט אונזער בשורה און
תביעה.

פאר דעם מיט היימען־רייכן און היים׳לאזן פאלק,
וואס קלאפט אן תכלית און אן האפענונגען אין די אכזריות׳דיג פאר־
זיגלטע טויערן פאר דער אידישער אלץ וואקסנדער וואנדערונג—שמידט
די הסתדרות העובדים מיט אנגעשטרענגטער און אלץ גרעסערער ענערגי
די פאזיציעס פון איינוואנדערונג, ארבעט און פון זעלבסשטענדיגן לעבן
פון אן ארבעטנדן פאלק.

ווי אירע פיאנערישע פארגייער מיט יארן צוריק, אזוי מארשירט
אויך איצט מיט מוט, עקשנות און טרייקייט די הסתדרות העובדים צו
איר הויפט־ציל, געלייטערט דורך די גרויסע נאציאנאלע און סאציאלע
שטרעבונגען פון איר אויפטו.

אויף דעם יאוש און פארצווייפלונג פון דעם אלוועלטלאכן ארום,
אויף די גזירות און העצעס נעגן זיין פאלק און קלאס ענטפערט דער
אידישער ארבעטער און דער נייער חלוץ אין לאנד מיט בויען נייע
אידישע און אלמענשלאכע ווערטן. אויף דער הערשנדער אפהענטיג־
קייט, אומגלויבן אין אייגענע בחות, אויף דער עקאנאמישער צעשטע־
רונג, אין וועלכער עס ברעקלען און ברעכן זיך און ראנגלען זיך די
אידישע מאסן און זייער יוגנט — ענטפערט די הסתדרות העובדים
מיט שאפן איינעניעם באדן פאר׳ן באדגלאזן פאלק — מיט בויען די
אידישע ווירטשאפט אין דעם ווירטשאפטלאזן לאנד. אויף דעם גרוי־
זאמן ציטער פון אונזער יוגנט אין אט דעם סאציאלן כאאס און מא־
ראלישער ירידה ענטפערן די פיר צענדליג טויזנט אידישע ארבעטער־
משפחות אין ארץ־ישראל — די ערשטע פון דעם מיליאנענדיגן אידישן
ארבעטס פאלק פון מארגן — מיט פארפלאנצן נייע שטחים ערד, מיט
אנטפלעקן נייע וואסער־קוואלן, מיט׳ן מאכן וואקסן אוצרות גרינס
און תבואה. נעגן דער סאציאלער הפקרות פון דעם ארום, וואו ארים
פאלק און ארבעטס מענש ווערן איגנארירט און פארגעסן, בויט די
הסתדרות דאס נייע פאלק און דעם לעבן אן עקספלואטאציע און עקס־
פלואטירטע: זי בויט נעסטן, וואו עס צעוואקסט זיך שריט ביי שריט
אלץ מער דער גערעכטער לעבנס שטייגער פון דער אידישער ארבעטס־
געמיינשאפט, וואס אירע יסודות זיינען, — דער פרט דינט פדיי דעם
פרייען כלל, דאס ארבעטס־פאלק שאפט אן קלאסן געזעלשאפט, אר־
בעטנדיגע פעלקער פאדניבטן פעלקער־קריג און דאסן האס און דורך
געגנזייטיגע הילף, קאלעקטיוון לעבן און שאפן — קומט אויסלייזונג
פאר מענש און געזעלשאפט, ווערט אויפגעריכט די אידישע משפחה
פון ארבעט און הארעפאשנע פעלקער.

מיט אט־א דעם אמת, באוואוסטזיין און שטרעבן איז דער ארץ־
ישראל ארבעטער ביינעקומען קריזיסן און מלחמות פון דרויסן, און
האט אפגעהיט דעם ארבעטס פראנט און זיין פיאנערישן גייסט. נעגן
פאגראמען, פאליטישע פארפאלגונגען, דיסקרימינאציעס, פארלוימדונ־
גען, נאטור־פלאגן און אנשיקענישן האט ער געשטעלט און שטעלט אויך
איצט — דעם דינאמישן כח פון אחדות פון
דעם אידישן ארבעטער — די שעפערישע
קראפט פון דער הסתדרות העובדים.

אזוי ווי עס האט אונז ניט פארראטן די ערד, וואס ווערט באאר־
בעט, דער וואסער־קוואל, וועלכן דער ארבעטער אין לאנד האט ארוגס־
געבראכט פון דער טיף אויף דער אויבערפלעכע — אזוי האבן אויך
שונאים ניט נעקאנט און קאנען ניט בייקומען דעם שעפערישן כח און
די געמיינזאמקייט, סאלידאריטעט און אחדות אין דער הסתדרות
העובדים.

דער ווירטשאפטלאכער, קולטורעלער, פאליטישער און ארגאניזא־
טארישער אויפטו פון דעם ארץ־ישראל׳דיגן ארבעטער האט אים אליין
געגעבן נייעם גלויבן און אנגעצונדן מיט פיאנערישן דראנג און טאט.
אידישע פאלקס־מענשן, אלט און יונג, וואס אידייען פון נאציאנאלער
און סאציאלער באפרייאונג זיינען אויך זייער ציל און שטרעבן, זיינען
געווארן זיינע טרייע און אקטיווע פריינד.

אט־א דער ארגאניזירטער ווילן און ווערק פון דער הסתדרות איז
עס בייגעשטאנען און איבערגעקומען די בעדואינער אנפאלן אין תל חי,
דעם ספעקולאציע־קריזיס פון 1926־1927, ער האט דאס אפגעווארפן
די סכנות פון יאר 1929, ער האט אומגעקערט צו די אידישע פאלקס־
מענשן די זיכערקייט אין זיך און אין אונזער בוי־ווערק, און האט שווער
אויפגעאקערט דעם באדן און געמאכט פאר א פאקט די נייע עליה,
וועלכע טראגט אריין טרייסט און נחמה אין דעם פינסטערן און גע־
דריקטן אידישן לעבן. די הסתדרות און די פיל פארצווייגטע חלוצישע
מחנה אין דער וועלט זיינען איבערגעקומען די פאלגן פון די קריזיסן און
האבן אויפגעבויט נייע פעסטונגען פון ארבעט, ווירטשאפט און געמאכט
התחלות פאר דעם דורות־לאנגן אידיש־אראבישן שלום און ס׳האבן
זיך געעפנט ברייטער די טויערן פון לאנד.

די אידישע ארבעטער און קאלאניעס וואקסן אין צאל און אין כח:
דער שטאט־ארבעטער קעמפט פאר זיין קיום און השפעה, די קבוצה
און מושב האבן זיך געשטארקט און זיך טיף איינגעווארצלט אין לאנד
— אין דער ווירטשאפט פון ארץ־ישראל, און זייער פראדוקציע דער־
גרייכט אויך שכנ׳ישע לענדער. דאס הסתדרות ווערק איז דער ליכט־
זייל אין דעם סאציאלן באוואוסטזיין און געפיל פון אונזער יונגן דור
אין ארץ־ישראל און אין אויסלאנד.

אבער דוקא איצט, ווען גרויסע אנשטרענגונגען ווערן געמאכט
פונ׳ם ארבעטער אליין, פון די הסתדרות אינסטיטוציעס — פינאנ־
ציעלע, קאאפעראטיווע און ווירטשאפטלאכע — בדי נייע ארבעטער־
זידלונגען און נעצן פון הילפס־ווירטשאפטן צו בויען — דוקא איצט
גראבט מען זיך ווידער אונטער דעם ארבעטער־ווערק — פרובירט מען
אויפרייסן די הסתדרות.

עס ווייסן בלומרשט ניט אט־א די אלע, וועלכע פארמעסטן זיך
נעגן דער הסתדרות, וואס איגנארירן דעם אידישן ארבעטער, פארראטן
אידישע ארבעט, פירן איין פראפעסיאנעלע שטרייק־ברעכעריי, זיי
ווייסן בלומרשט ניט, אז זיי אלע גיבן פאקטיש, ווילנדיג אדער
ניט ווילנדיג, זייער שטיצע צו די, וואס באקעמפן אידישע איינוואנדע־
רונג. — זיי ווילן בלומרשט ברעכן די הסתדרות, די
חלוצישע עליה, אבער דאס הייסט ברעכן די פאלקס־ווירט־
שאפט, פארפלעקן די גרויסע גאולה־אידייע פונ׳ם אידישן נאציאנאל־
פאנד און פון אידישער אויפלעבונג.

# NATIONAL D STORES

QUALITY SERVICE

Largest Cooperative Grocery
Association in New England

[illegible]

M. BILLER
59 Gay Street
Telephone Dr. [illegible]

S. LIGHTMAN
[illegible]

ORDERS DELIVERED [illegible]

---

TURKS HEAD COAL COMPANY

47 WEYBOSSET ST. [illegible]

AMERICAN & [illegible]

PROVIDENCE [illegible]

BLUE COAL [illegible]

[illegible]

# פראווידענסער
# פסח בלאט



טערט ווערן אויב נאר די הסתדרות וועט פאר דעם האבן די גענוגענדע פינאנס מיטלען.

העלפן צוגרייטן דאס לאנד פאר נייער און גרעסערער עליה, און דער־נענטערן פאר אונזער פאלק דעם אמת'ן זמן חרותנו.